

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## בְּשַׁלַּח

# ניסים פון שניי

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת בשלח

# ניסים פון שניי

אלי, שמואלי און רבקי האבן זיך אויפגעוועקט פרייליך. זיי האבן זיך געוואשן נעגל וואסער און זענען געלאפן צום פענסטער צו זען די פרישע שניי פאלן פון הימל. ענדליך גייען זיי שוין אויפשטעלן א שניי מענטש וואס זיי רעדן איבער דעם שוין פון אנהייב ווינטער! עס גייט זיין דער גרעסטער שניי מענטש וואס איז נאר אמאל געווען. בשעת זיי האבן זיך אנגעטון און גרייט געמאכט האבן זיי נישט געקענט רעדן פון עפעס אנדערש נאר פון די שניי.

נאך פרישטאג האבן זיי זיך אנגעטון די מאנטלען און הענטשוך און זיי האבן אויך געטראפן עפעס אן אלטער הוט און שאל פאר דעם שניי מענטש אנצוטון. אלי האט געזאגט אז בעסער זאל מען נישט ניצן א מייער פאר די נאז ווייל עס וועט קאליע ווערן און עס וועט זיין א ביזוי אוכלין צו מאכן אן עסבארער מאכל זאל נישט זיין עסבאר. אלי האט זייער ליב געהאט צו לערנען הלכות און האט אלעמאל געהאט אינטערעסאנטע זאכן צו איבערגעבן פאר זיינע געשוויסטער. איז אנשטאט א מייער, האבן זיי גענומען אן אלטער פורים הוט פון די פורים קליידער שאכטל, אז דאס זאל זיין דער שניי מענטש'ס ריזיגע נאז. דאן זענען זיי ארויסגעגאנגען צום הינטערשטן הויף און זיך גענומען צו די ארבעט.

"דא, אלי!" האט רבקי געזאגט. "דער ריזיגער שניי באל וואס איך האב דא געפארעמט קען זיין איינע פון די פיס פינגערס פון דעם שניי מענטש!"

די קינדער האבן זיך מיטאמאל אפגעשטעלט פון רעדן ווען זיי האבן געזען זייער שכן רבי זונדל קומען פון גאס. אלי האט געוואלט גיין פרעגן רבי זונדל אויב ער דארף הילף צו אפרייניגן די שניי פארענט פון זיין הויז אבער דאן האט ער באמערקט אז ס'זעט אויס ווי ער טאנצט און קלאפט מיט די הענט.

אלע קינדער זענען געשטאנען שטיל און באטראכט רבי זונדל ווי ער טאנצט און זינגט זיך אונטער א ניגון. זיי זענען געווען צעמישט. אודאי האבן קינדערלעך ליב שניי, אבער רבי זונדל? פארוואס איז ער פרייליך?

"א גוטן קינדערלעך," האט רבי זונדל גערופן צו זיי ווען ער האט זיי באמערקט. "דער באשעפער זאל אייך בענטשן מיט א ווארעמער און הערליכער טאג!"

"אמן! יישר כח!" האט אלי געזאגט, "מיר האפן איר זאלט אויך האבן א גוטן טאג. אבער צי מעג איך אייך פרעגן א שאלה?"

"אודאי, אלי! דו ווייסט אז איך האב זייער ליב שאלות!"

"אה... איך האב זיך געוואונדערט - עמ - פארוואס האט איר געטאנצן אין די שניי?"

רבי זונדל האט געשמייכלט. "דו מיינסט מיר צו זאגן אז דו האסט נישט געטאנצן ווען דו האסט געזען אז עס פאלט שניי?"

אלי האט זיך פאררויטלט. "זיכער האבן מיר געטאנצן," האט ער געזאגט, אביסל פארשעמט, "אבער מיר זענען קינדער - מיר דארפן צו זיין פרייליך מיט שניי. אבער איך קען זיך נישט פארשטעלן אז אויך איר האט ליב צו מאכן א שניי מענטש."

רבי זונדל האט געלאכט און געגלעט אלי אויף זיין קאפ. "קינדערלעך," האט ער געזאגט, "ווען איר האט זיך אויפגעוועקט היינט אינדערפרי און געזען די שניי פאלן האט איר געקוקט דערויף און איך בין זיכער אז אין אייערע קעפ האט איר שוין געזען דעם שניי מענטש וואס איר גייט אויפשטעלן, ריכטיג?"

די קינדער האבן צוגעשאקלט מיט זייערע קעפ. "יא," האבן זיי אלע געזאגט.

"גוט, און ווען איך זע די שניי פאלן, זע איך די מן!"



„מן?” האט אלי געפרעגט, „פארוואס, ווייל ס'איז ווייס?”

„יא, ס'איז ווייס ווי מן,” האט רבי זונדל געענטפערט, „אבער דאס איז נישט אלעס. די שניי איז אייגנטליך זייער ענליך צו די מן!”

„אבער איך האב פראבירט צו עסן די שניי,” האט שמואלי געזאגט שעמעוודיג, „און עס האט א טעם ווי סתם וואסער. צי האט נישט די מן געשפירט ווי געשמאקע עסן?”

„ריכטיג אזוי,” האט רבי זונדל געשמייכלט, „און טאקע די שניי העלפט אונז צו האבן פיל פון די געשמאקע עסנווארג וואס מיר עסן!

„דוד המלך זאגט אין תהלים, **הַנֹּתֵן שֶׁלֶג כַּצָּמֶר** - דער באשעפער געבט שניי ווי וואל. און פונקט ווי די וואל אין אייערע סוועדערס האלטן אייך ווארעם, אזוי אויך די שניי - כאטש וואס עס איז אייז קאלט - האלט עס די ערד ווארעם אין די ווינטער. דאס האלט אפ די זומען און אונטערערדישעווארצלען פון די געוויקסן פון פארפרוירן ווערן - אזוי אז מיר קענען הנאה האבן פון זאפטיגע בלובעריס אין די זומער!

„און די שניי האלט אויך די ערד פייכט - מער ווי די רעגן, ווייל עס צעלאזט זיך צוביסליך - דאס העלפט די געוויקסן זאלן וואקסן, אזוי אז מיר קענען האבן ברויט און פיל אנדערע סארט עסנווארג! אין דעם קומענדיגן פסוק אין תהלים שטייט, **מַשְׁלִיךְ קַרְחוֹ כְפִתִּים** - דער באשעפער שיקט אראפ שניי און אייז ווי שטיקלעך ברויט - פונקט ווי די מן ווערט גערופן לחם מן השמים, ווען עס שנייט שיקט אונז דער באשעפער אויך אונזער עסן פון הימל, אזוי ווי ער האט געטון פאר דאס אידישע פאלק אין מדבר.

„און דערפאר האב איך געטאנצן. דער ציל פון די מן איז געווען אונז צו לערנען אז מיר לעבן נישט פון די ברויט - מיר לעבן פון דעם באשעפער'ס וואונדערליכע ניסים - און ווייל עס פאלט מער נישט קיין מן מיינט נישט אז דער באשעפער מאכט פאר אונז ווייניגער ניסים. איז ווען איך האב געזען די שניי פאלן בין איך געווארן אזוי פרייליך ווייל עס דערמאנט מיר פון אלע געוואלדיגע זאכן וואס דער באשעפער טוט פאר אונז כדי אונז צו דערהאלטן ביים לעבן געזונט און באקוועם יעדן טאג!”

„דאס איז מורא'דיג!” האט אלי געזאגט, „עס מאכט מיר אויך וועלן טאנצן!”

„איז וואס האלט דיר אפ?” האט רבי זונדל געפרעגט, נעמענדיג די הענט פון די אינגלעך און בשעת רבקי האט זיך צוגעקוקט מיט א גרויסן שמייכל, האבן די דריי פון זיי פארברענגט די קומענדיגע פאר מינוט צו טאנצן אין די שניי, דאנקענדיג דעם באשעפער פאר אלע וואונדערליכע זאכן וואס ער טוט פאר אונז יעדן טאג.


כל הזכיות שמורות